# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

## 105

75/63/5

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל

תל־אָבֿיבֿ 1981

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# דער שלאַנג

(דערציילונג)

ויגרש את האדם
וישכן מקדם לגן
בראשית ג׳ כד

ער האָט געשפּאַנט מיטן וועג וואָס שנײַדט אַדורך דעם פּרדס פֿון עק ביז עק. אַ זוניק גינגאָלדליכט איז געהאַנגען איבערן פּרדס. פֿון ביידע זײַטן האָבן די ביימער געלויכטן מיט דער ווײַסער פּריחה. די ערד — אַ באַדעקטע מיט דער אַראָפּגעפֿאַלענער שפּע פֿון די ביימער. פֿרילינג. ער האָט טיף געאָטעמט דעם פֿאַרשיכּורנדיקן ריח פֿון דער בליִונג. ווי כּלות אין ווײַסע שלייערן זענען די ביימער געשטאַנען פֿון ביידע זײַטן וועג, זייערע אויסגעשטרעקטע צווײַגן ווי ווײַסע אַנטבלויזטע הענט מיט בעכערס באַרוישנדיקן ווײַן. ער האָט געטרונקען פֿון די בעכערס.

ער איז אַרײַן צווישן די שורות שאַמוטי־ביימער. אין האַרץ איז אויפֿגעגאַנגען אַ צופֿרידנקייט. די זאָמענאויגן וואָס ער האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין טראַכט פֿון די ביימער אַנטוויקלען זיך געזונט און שיין. ער איז געגאַנגען פֿון בוים צו בוים, געמאָסטן מיטן צענטימעטער פֿופֿציק צענטים פֿון אָרט וווּ ער האָט פֿריִער געעפֿנט די ווייכע הויט פֿון יונגןביימל און דאָרטן פֿאַרזעצט אַ זאָמענאויג. איצט איז די הויט פֿאַרהיילט, זאַפֿטיק, גרין. דאָס יונגע לײַב האָט אַרײַנגעזויגן די קראַפֿט ביז צו די שטאַמוואָרצלען. דאָס יונגע צווײַגל וועט זײַן אַ בוים און געבן פּרוכט. דער אַלטער אָפּגעוועלקטער בוים וועט לעבן אין גוף פֿון זײַן קומענדיקן דור.

ער איז געגאַנגען פֿון בוים צו בוים, געמאָסטן מיטן צענטימעטער און געמאַכט אַ צייכן. אויף צוריק וועגס וועט ער אָפּשנײַדן בײַ אַלע דעם איבעריקן אָנוווקס. דאָס וועט שפּאָרן צײַט. נאָך איידער די זון וועט שטיין אין זעניט וועט ער זיך קאָנען אומקערן צו זײַן בודקע. ער האָט געפֿילט, אַז דאָס מאָל וועט ער מצליח זײַן אַרויסצורײַסן פֿון זיך דעם פּרק איבער וועלכן ער זיצט שוין דרײַ מעת־לעת מיט אַרויסגעזעצטע אויגן צום ליידיקן פּאַפּיר־בויגן און זײַן האַנט, ווי אַ געליימטע, שטרעקט זיך נישט אויס צו דער פֿעדער.

נאָך לאַנגע עקרהדיקע טעג אין דער הילצערנער פּרדס־בודקע, האָט ער איצט געפֿילט די אויפֿגייענדיקע באַנײַונג פֿון אַרבעט און שאַפֿן. ער האָט פֿלײַסיק באַפֿרײַט די פֿאַרבינדונגען בײַ יענע צווײַגן וואָס די וווּנד פֿון דער פֿאַרזייונג איז נאָך געווען פֿאַרבאַנדאַזשירט. ער האָט אַוועקגעשטעלט סענאַדע־שטעקנס, כּדי אונטערצולענען די יונגע צווײַגעלעך, זיי זאָלן זיך נישט ברעכן. אָט די צווײַגעלעך וועלן זײַן ביימער און געבן פּרוכט.

ער איז אַרײַן צווישן די שורות חושחש־ביימער. די ווילדע גראָזן זענען דאָ דערגאַנגען ביזן בויך. ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? ער האָט דערפֿילט אַ כּעס אויף זיך גופֿא. פֿאַר וואָס האָט ער פֿאַרוואָרגעלאָזט דעם פּרדס? די גראָזן וואַרגן די ביימער. דאָס ווילדגעוויקס גזלט פֿון דער באַוועסערונג און די ביימער זענען דאַרשטיק. טעג און נעכט זיצט ער אַ פֿאַרמאַכטער אין דער בודקע איבער ליידיקע פּאַפּיר־בויגנס, בעת דאָ זויפֿן די פּאַראַזיטן דאָס וואַסער פֿון די ביימער. ווי אַזוי האָט ער דערלאָזט צו אַזאַ מצבֿ?

ווי אַ פֿאַרשולדיקטער איז ער אַוועק עפֿענען די וואַסערקראַנען. פֿאַרבײַגייענדיק לעבן די שאַקאַלן־נאָרעס האָט ער פֿאַרנומען אַ גערודער: טאַטעס פֿון צוויי שכנותדיקע שאַקאַלן־משפּחות זענען געווען פֿאַרפּאָרעט בײַם צוגרייטן אַ פֿײַערלעכע סעודה. זיי האָבן געבראַכט די נבֿלה פֿון אַ הון און האָבן געפּליקט די פֿעדערן, ווי גלײַך אַנדערש וועט דאָס מאכל נישט זײַן ראוי צו קומען אויף זייער טיש. קעפּלעך פֿון קליינוואַרג האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון די נאָרעס מיט צאַפּלדיקן אומגעדולד. זיי האָבן זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט אויף דעם מענטש פֿון דער בודקע, וואָס וואַרפֿט זיי צו פֿון צײַט־צו־צײַט אַ געפּגרטן פֿויגל. קיינער פֿון זיי האָט איצט נישט אויסגעדרייט צו אים דעם בליק, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אויב זיי וועלן ווײַזן אַז זיי זעען אים, וועט דאָס זיי מחויבֿ זײַן אים צו פֿאַרבעטן צו דער סעודה.

— פּלוצלינג איז אין אים אויפֿגעגאַנגען דער ווײ פֿון ליידיקן פּאַפּיר־בויגן אין דער בודקע. ווידער האָט דער סם פֿון שׂינאה געגרייכערט אין זײַן מוח. דער סם וואָס האָט געליימט זײַנע הענט אין די לעצטע טעג האָט ווידער געשטראָמט אין די אָדערן. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרחידושטער פֿון צער און צאָרן: שאַקאַלן! זיי שפּײַזן זיך פֿון דער אָרגאַניש־פֿוילנדיקער מאַטעריע, וואָס דער פֿונק פֿון לעבן האָט נאָך זיך איבערגע־לאָזט. זיי ציִען חיונה פֿון טויט. צוויי שכנותדיקע משפּחות. אָ, גרויסער באַשעפֿער פֿון מענטש און שאַקאַל! זע דעם ליכטזײַל פֿון ברידערלעכקייט אויף צוויי פֿליקנדיקע שאַקאַלן־קעפּ. פֿאַר וואָס האָסטו דאָס זעלביקע ליכט פֿאַרבאָרגן פֿון מענטש?

איצט האָבן די רייען צו דער קרעמאַטאָריע אין אוישוויץ ווידער געצויגן פֿאַר זײַנע אויגן. ער האָט געזען איטלעכן באַזונדער. זייערע אויגן האָבן געקוקט צו אים.

ער האָט געזען זייערע פּנימער. ער האָט זיי געקענט בעסער ווי ער קען זיך אַליין. ער איז געווען אין זיי. אַ מאַמע, אַ טאַטע, אַ שוועסטער, אַ ברודער. ער איז דאָרטן אינעווייניק אין זייערע אויגן. זיי קוקן צו אים דורך זײַנע אויגן. זיי גייען פֿון אים אַוועק. זיי נעמען אים מיט און לאָזן אים איבער דאָ, לעבן דער אידיליע פֿון צוויי שאַקאַלן־משפּחות.

זײַנע פֿיס האָבן אים געפֿירט צום ברייטן דורכגאַנג אין פּרדס. ער האָט נישט געדענקט נאָך וואָס ער איז אַרויס פֿון זײַן התבודדות אין דער בודקע. ער האָט געפֿילט אַ ברענען אין די אויגן, ווי פֿון שוועבל קעגן די אינסעקטן אין פּרדס. ער איז געווען דאָ און האָט געהערט צו אַ דאָרטן. אַ צײַט אָן ממשות.

לעבן איינעם פֿון די קראַנען איז געשטאַנען דאָס קעצעלע, וואָס ער האָט גערופֿן מיטן נאָמען תּחיה, נאָכן נאָמען פֿון וווּנדערקינד תּחיה, וואָס אַן אַראַבישע באָמבע האָט עס צעריסן צוזאַמען מיט די לײַבער פֿון טאַטע־מאַמע. איצט איז תּחיה געשטאַנען מיט אַן אויפֿגעהויבן קעפּל און אָפֿן מויל צו די איינצלנע טראָפּנס וואָס קאַפּען פֿון פֿאַרמאַכטן וואַסערקראַן. מיט אַ מאָל האָבן די האָר פֿון דעם ווײַסן פֿעלכל זיך

אויפֿגעשטעלט אין שוידער, די פֿאָדערשטע לאַפּקעלעך אין דער הייך, ווי אין אַ היפּנאָטישער פֿאַרשטײַפּטקייט פֿון אימה. אין דער זעלביקער רגע האָט ער דערזען פֿון צווישן די הויכע גראָזן, אויף דער צווייטער זייט וואַסערקראַן, דעם אַרויסגעהויבענעם קאָפּ פֿון אַ שלאַנג. ער האָט געוואָלט אויסשרײַען: תּחייה! נאָר די קלענסטע באַוועגונג פֿון קעצעלע — און דאָס שרעקלעכע וועט געשען. דער שלאַנג איז געקומען טרינקען פֿון קראַן. אפֿשר וואַרט דער שלאַנג אַז תּחייה זאָל פֿרײַ מאַכן פֿאַר אים דעם פּלאַץ? ער איז געשטאַנען מיט ליידיקע הענט, אַ צוגענאַגלטער צום אָרט. איינער אַנטקעגן איבער דעם אַנדערן: מענטש און שלאַנג. צוויי אורשונאים. אַן אייביקע שינאה צווישן זיי. זיי האָבן זיך פֿונאַנדערגעשיידט אין אָנהייב פֿון באַשאַף און פֿונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די וועלט. איינער אויבן, אויף דער ערד, דער צווייטער אונטן, אונטער דער ערד. פֿאַר וואָס קומט ער איצטער טרינקען דאָס וואַסער פֿון אויבן? דער שלאַנגענפּיסק האָט זיך אויפֿגעשאַרצט, ווי אַ מעסערשאַרף וואָלט אים אײַנגעשניטן ביזן האַלדז. תּחייה! אין פֿון אים אַרויס אַ געשריי. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום בוים, מיט ביידע הענט אַ ריס געטאָן דעם אונטערלען-שטעקן פֿון צווײַגל און זיך אַ לאָז געטאָן קעגן שונא.

צו שפּעט. תּחייה איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן אונטערן וואַסערקראַן. דער שלאַנג פֿון צווישן די הויכע גראָזן איז מער נישט געווען. אַ מטורפֿדיקער האָט ער געשלאָגן מיטן שטעקן איבער די גראָזן, זיי געטראָטן מיט די גומישטיוול. דער שטעקן האָט זיך צעבראָכן. ער האָט אַן אויפֿהער געריסן די סענאַדע-שטעקנס פֿון די צווײַגן און נישט אויפֿגעהערט מיט זיי צו שלאָגן איבער דעם גאַנצן ווילד-אָנגעוואַקסענעם שטח. ס'איז זײַן חטא! פֿאַר וואָס האָט ער נישט אויסגערייניקט דעם פּרדס פֿון ווילדן אָנוווקס? פֿאַר וואָס זיצט ער ווי אַן עקר אין דער פֿאַרמאַכטער בודקע איבער דעם ווײַסן ליידיקן פּאַפּיר און לאָזט איבער די שליטה אין פּרדס פֿאַר דעם שלאַנג?

די יונגע פֿאַרפֿלאַנצטע צווײַגן האָבן זיך אײַנגעבראָכן, בעת ער האָט פֿון זיי ווילד געריסן די אונטערלען-שטעקנס. דעם גאַנצן פּרדס איז ער איצט גרייט חרובֿ צו מאַכן, כּדי צו דערגיין צו דער שלאַנגענעסט. ער האָט געברענט אין אַ מטורפֿדיקן פֿײַער פֿון נקמה. ער האָט זיך געוואָרפֿן קעגן דער סכּנה. די גראָזן האָבן דאָ געגרייכט ביזן בויך. ער איז גרייט געווען צום אָפֿענעם קאַמף. ער, אָדער דער שלאַנג.

ער האָט דערגרייכט צו די עקן פֿון פּרדס. ער האָט זיך געפֿילט אַ באַזיגטער. שוואַך און אָפּהענטיק. ער איז אַרויס מחוץ די ביימער. נישט ווײַט זענען געלעגן די שטיינער וווּ ער האָט מיט אַ צײַט צוריק פֿאַרברענט זײַנע פֿריִער אָנגעשריבענע בלעטלעך. סימנים פֿון אַן אויסגעברענטן פֿײַער. ער האָט אָפּגעקערט דעם בליק. ער האָט דאָס נישט געקאָנט זען. און די ביימער פֿון דער ווײַטנס האָבן אָנגענומען אַ צורה ווי אַ וואַנט, וואָס פֿאַרשליסט פֿאַר אים דעם וועג צוריק אין פּרדס. ס'איז די שעה פֿון שטראָף. הינטער אים דער זכר פֿון פֿאַרברענטע טעג און נעכט. און דאָרטן אין פּרדס הערשט דער שלאַנג.

ער איז געגאַנגען מיטן שטויבוועג לעבן פּרדס. אַ פּרעסנדיקער צער האָט אין אים גענאָגט צו דעם נאָמען תּחייה און צום ווײַסן קעצעלע וואָס האָט מיט אים געטיילט זײַן לעבן אין דער בודקע. פּלוצלינג האָט אים אַרומגענומען אַ חרטה פֿאַר דעם רופֿן דאָס קעצעלע מיטן נאָמען תּחייה. אַלץ אַרום איז איצט געווען פֿול מיט סימבאָלן און רמזים. ער האָט נישט געוווּסט זייער באַשייד.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער אַוועק צוריק. ער איז געגאַנגען צווישן די ביימער ווי אין אַ פֿרעמדן, אומבאַקאַנטן פּרדס. ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַנע פֿאַרפּלאַנצונגען און נישט אויפֿגעהויבן דעם בליק צו זיי. בײַ אייניקע זענען די ווײַסע ראַפּיאַ־באַנדאַזשן אַראָפּגעפֿאַלן ווי לויזע זאָקן־בענדלעך צו די קנעכלען פֿון מידע פֿיס. ער איז געווען אַפּאַטיש.

לעבן שטאָם פֿון אַ בוים איז געשטאַנען אַ צוגעבונדענער דער אייזל. ווי באַלד די בהמה האָט דערפֿילט זײַן דערנענטערן זיך, האָט זי אויסגעצויגן צו אים דעם האַלדז און זיך געגרייט אים באַגריסן מיט עטלעכע כּפֿל־שמונהדיקע קולות. נאָר באַלד האָט דער אייזל דערויף מוותּר געווען, ווי ער וואָלט דערקענט אויפֿן פּנים פֿון בעל־הבית אַז ס'איז נישט די צײַט פֿון שימחה. ער האָט אַרומגענומען דעם קאָפּ פֿון אייזל, געדריקט צו זיך. ער האָט געפֿילט די וואַרעמקייט פֿון דער בהמהס האַלדז. דער דפֿק פֿון לעבן האָט געקלאַפּט צווישן זײַנע אָרעמס.

ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער בודקע. לעבן וואַסערקראַן זענען צוויי שאַקאַלן געשטאַנען איבער תּחייהס טויטן לײַב. עקלדיקע שאַקאַלן! — האָט ער צו זיי געשריגן. ער האָט געזוכט אַ שטיין צו וואַרפֿן. די שאַקאַלן האָבן בלויז באַוויזן אויפֿצוהייבן צו אים פֿאַרוווּנדערטע אויגן. זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען זײַן כּעס. צי געהערט נישט די נבֿלה צו זיי? וואָס איז הײַנט געשען מיט אונדזער גוטן בעל־הבית? שטיינער גאָר וואַרפֿט ער אויף אונדז, אַנשטאָט פֿייגל!

ער האָט נישט געקענט פֿאַרבײַגיין תּחייהס טויט קערפּערל. מיט אַן אומוועג איז ער אַוועק צו זײַן בודקע.

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן מאַראַנצן־קאַסטן וואָס האָט אים געדינט ווי אַ טיש. דער קאָפּ צווישן די הענט. די אויגן אין דער ווײַסער פּאַפּיר־ליידיקייט. זײַנע מחשבֿות ווי אַ פֿאַרלוירן זעגלשיפֿל אויף אַ ווײַסן, פֿרעמדן ים, ווײַט פֿון אַ ברעג.